STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05204

DOS GEBOT FUN DER TSAYT

Israel Merom

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל מערעמינסקי

דאָס געבאָט פֿון דער צייט

(אַ בריף פֿון גלות קיין ארץ ישראל צום יודישען אַרבייטער־צוזאַמענפֿאָהר)

תשרי, תרפ"א. — פֿערלאַג „בעפֿרייאונג".

צו דער צווייטער אויפלאַגע

„דאָס געבאָט פון דער צייט״—אונזער רוף צו דער פעראייניגונג פון די סאָציאַליסטישע און
ירבעטער פאַרטייען און אין דער ציוניסטישער בעוועגונג אן און פאַר זיך אין איין ציוניסטיש סאָצ-
יאַליסטישען וועלט פערבאַנד — איז אַרויס מיט איניגע חדשים פריהער פאַר דער היפה׳ר אַר-
בייטער-קאָנפערענץ (חנוכה ד. י.). די קאָנפערענץ האָט רעאַליזירט נאָר אַ טייל פון דעם, וואָס
עס פאָדערט פון אונז די אידישע און סאָציאַליסטישע ווירקליכקייט, נאָר איין טייל פון דעם
גרויסען פעראייניגונגס-פראָבלעם. די אַלגעמיינע אַרבייטער-אָרגאַניזאַציע אין א״י האָט, אַ דאַנק
די בעמיהונגען פון די מ. פ. ס. פון ליבקס, און די אָנפירער פון „הפועל הצעיר״, פון רעכטס,
ניט איינגעשלאָסען אין איהרע אויפגאַבען די גרויסע פּאָליטישע אַרבייט, וואָס שטעהט
פאַר דעם אידישען אַרבייטער אין א״י און זיינע חברים אין דער גאַנצער וועלט. דער פּאַרטיי-
אישער פּאַטריאָטיזם האָט זיי ניט ערלויבט צו שאַפען איין אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל בעפרידיגען
אַלע אינטערעסען פון אַרבייט-ישוב, עס דויערט נאָך די צושפּליטערקייט אין פּאָליטישען זין
אַפילו איצט אין דער שווערער תקופה נאָך יפו און נאָך די טובות פוג׳ם אידישען נציב אין א״י
דאָך איז שוין רייפער און לייכטער געוואָרען די פראַגע וועגען שאַפען די אַלוועלטליכע ציוב.
סאָציאַליסטישע פעראייניגונג ניט נאָר אין א״י, נאָר אויך אין גלות. און אין נאָמען פון אונזער
פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער פעראינטערעסירטקייט אין אַ ענערגישערען קאַמף
פאַר׳ן אויפבוי פון אידישען אַרבייטענדען א״י און פאַר דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין די
גלות-לענדער, אין נאָמען פון אונזער פעראינטערעסירטקייט וואָס גיכער ענטגעגענצושטעלען דעם
אידישען און ניט אידישען קאַפּיטאַל אונזער אָרגאַניזירטען אידישען סאָציאַליסטישען ווילען און
כח, רופען מיר ווידער אונזערע חברים און פריינד דאָס געבאָט פון דער צייט צו הערען און
אונזער חוב ביזן סוף צו ערפילען.

מיר גלויבען, אז די צווייטע אויפלאַגע וועט גלייך, ווי די ערשטע, ערנסט אויפגענומען
ווערען און אונזערע חברים וועלען ערפילען זייער היסטאָרישען חוב אין דער אידישער סאָציאַ-
ליסטישער בעוועגונג.

וואַרשע, 1 יולי, 1921

פערלאַג „בעפרייאונג״.

דאָס געבאָט פון דער צייט

(א בריף פון גלות קיין ארץ ישראל צו דער יודישער אַרבייטער־קאָנפערענץ)

I.

קיינמאָל איז נאָך אין דער ציוניסטישער בעוועגונג ניט געשטאַנען די פראַגע פון דער זעלבסטטעטיגקייט פון דער ציוניסטישער ארבייטערשאַפט פאַר און אין ארץ ישראל, ווי אין די לעצטע יאָהרען.

איך וויל איצט ניט רעדען וועגען די סיבות און גורמים, איך וויל עס נאָר פעסטשטעלען, ווייל דער פאַקט האָט געגעבען א נייען שטוים די ציוניסטישע אַרבייטערשאַפט אין גלות און אין א״י, ווייל אָט־אָ דער דראַנג צו דער אַרבייטער־זעלבסטטעטיגקייט האָט אַרויסגערופען נייע טענדענצען, וועקט נייע כחות, עפענט נייע פערספעקטיווען און ברענגט נייע שוועריגקייטען און ספקות דעם יודישען אַרבייטער.

ניט צופעליג איז דאָס, וואָס דוקא אין די לעצטע יאָהרען האָבען אַלע טיילען פון דער א״י ארבייטערשאַפט אָנגעהויבען צו זוכען א נעהנטערע פערבינדונג, ריכטיגער־ אַ אָרגאַנישע פערבינדונג — מיט׳ן גלות, און די אַלע, וואָס האָבען ביז די מלחמה יאָהרען בשום אופן ניט געוואָלט די אַריינמישונג פון גלות אין די א״י ענינים, האָבען

פלוצלינג אליין אָנגעהויבען צו רופען אונז; — דאָס איז ניט קיין צופעליגקייט, וואָס די גרעסטע טייל פון דער א"י ארבייטערשאַפט בעמיהט זיך צו פעראייניגען און צוזאַמען זוכען אנ'ארבייטער־פערבאַנד אין גלות, וועלכער זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט'ן סאָציאַליסטישען ציוניזם; און ניט צופעליג איז אויך דאָס, וואָס אויך די צווייטע טייל האָט געזוכט צו שאַפען א פערבינדונג מיט'ן גלות. מ'קען יאָ, אָדער ניט, מסכים זיין מיט'ן „אחדות העבודה" און זיין אריינטרעטען אין פערבאַנד פון „פועלי־ציון", אָבער איינס איז קלאָר, אז דאָס האָט געמוזט אזוי ווערען אין יענעם מאָמענט, ווען די לאַגע אין לאַנד האָט דעם גאַנצען ארבייטער־ישוב געשטויסען צו די זעכציג טויזענד „צעירי־ציון", צו די צענדליגער און הונדערט־טויזענדער יודישע הארעפאשניע אין גלות. נאָר דער מצב אין לאַנד און די יודישע ווירקליכקייט אין דער גאַנצער וועלט האָט אלע טיילען פון דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער ארבייטער־בעוועגונג געשטויסען, און שטויסט, צו שאַפען דעם פערבאַנד פון די אמת יודישע ארבייטער אין א"י און אין גלות.

איך וואָלט מיר ניט ערלויבט זיך אריינצומישען אין די א"י ענינים, אויב ניט די דאָזיגע פאַקטען, אויב ניט „סטאָקהאָלם", „פראַג" און די בעגעגנישען אין פאַריז, לאָנדאָן, אויב ניט דאָס פראָבלעם פונ'ם יודישען ארץ ישראל, וועלכער איז ניט קיין פראַגע נאָר פאַר יודען אין איין לאַנד, אויב ניט דער קריזיס איצט אין ציוניזם, וועלכער קען ברענגען צו א חורבן פון אַלץ, וואָס ס'איז ביז איצט דער־גרייכט געוואָרען דורך'ן ציוניזם אין גלות און אין א"י.

ניט לערנען אימיצען בין איך דאָ אויסען, די א"י ארבייטערשאַפט, גלויב איך, קען איהרע ענינים אליין לייזען, איך וויל דאָ נאָר אויסדריקען דאָס, וואָס עס מאַטערט איצט אונז אין גלות, וואָס עס לאָזט אונז דאָ נישט צו רוהה, וואָס ס'איז דאָ פאַר אונז געוואָרען א קוואַל פון ספקות, יסורים, פון אויפציטערנדע האָפנונגען און שרעקעוודיגע ערוואַרטונגען...

עס מאַטערט אונז איצט נאָך די לאַנגע דבורים, קאָנפערענצען אין פראַג, לאָנדאָן, וויען — די גרונד־פראַגע — וואָס וועט זיין? — מיט העכער אנדער־האַלבען יאָהר צוריק האָט די גאַנצע א"י ארבייטערשאַפט אויסגעשטרעקט צו אונז די הענד, גערופען אונז זיך צו פערבינדען, צו שאַפען יענעם ברידערליכען בונד, וואָס וועט מיט זיין איינגער נשמה, מחשבה און מעשים בויען איין ארץ ישראל — דעם יודישען, עס האָבען זיך צוויי טיילען צו אונז געווענדעט,ביידע האָבען די זעלבע אויפגאַבען זיך געשטעלט, און צו די זעלבע עלעמענטען אין גלות גערופען, און מיט

רער זעלבער פריינדשאַפט און טרייהייט האָבען מיר זיי ביידע דעריבער אויפגענומע אין ווארשע און אין ווילנע, ביאַליסטאָק און מינסק, אין ראָוונע און אין לעמבערג. עס האָט אונז פערדראָסען און געקרענקט, וואָס מיר האָבען פאַר זיך צוויי וועג־ דונגען, בשעת די אינטערעסען פון די, וואָס ווענדען זיך זענען דיזעלבע, אוןביידען זאָגען, אַז אין עצם איז צווישען זיי ניטאָ קיין הבדל, ווען ביידע ווילען אחוה. ביידע האָבען די זעלבע אַרבייטס־פרינציפען (מיר האָבען אין פתח־תקוה קיין בעזונדערע פרינציפען פון ה„פועל הצעיר‟ ניט געהערט!), עס האָט אונז זעהר געקרענקט, וואָס ביידע באַזונדער רופען די גלות־פריינד צו ווירקען אויף'ן אחוה. און מיט'ן גע־ פיהל פון דער העכסטער אחריות זיינען מיר צו די אויפגאַבען צוגעטראָטען.

— אונזע־רע חברים פון רוסלאַנד און אוקראַ־ינע האָבען ניט געוואוסט, וואָס ס'טהוט זיך אין א״י, זיי האָבען פון דעם מצב קיין האַנונג ניט געהאַט, פון די נייע פראָ־ בלעמען נישט געטראַכט, וועגען מהות פון „אחרות העבודה‟ קיין פאָרשטעלונג ניט בעקומען, און מיר אין ליטע, ווייסרוסלאַנד און פוילען האָבען די לאַגע ערנסט גע־ נומען, און געזאָגט:

„די ידיעות פון א״י און די ידיעות וועגען דער א״י־אַרבייטערשאַפט אין די בעריכטען פון אונזערע חברים אין פאַריזש און א״י קומען זיך צונויף און בעשטע־ טיגען, אַז די א״י אַרבייטערשאַפט מוז און קען זיך אצינד פעראייניגען אין איין אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע און מיר מוזען זעהן דעריבער, אַז אין פראַג, אָדער אין אַנ־ אַנדער שטאָדט, זאָלען מיר זיך בעגעגענען מיט דער געזאַמטער א״י אַרבייטער שאַפט* און קומען צו אַ פעראייניגונג מיט איהר‟.

דער פאַראָל אונזערער פאַר פראַג איז געווען אינסטינקטיוו דער זעלבער פאַראָל, וואָס פון פתח־תקוה: איין אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע אין א״י, איין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער וועלט־פערבאַנד.

מיט גרויס צופרידענהייט האָבען מיר דעריבער אין פראַג אויפגענומען די ער־ קלערונגען פון די „הפועל הצעיר‟ פאָרשטעהער. זיי האָבען אונז כסדר איבערגעחזר'ט: „מיר זיינען די סאָציאַליסטען‟. עס האָט מיר אפשר אין די דאָזיגע מאָמענטען פערדראָסען, וואָס מיר קענען נאָר זאָגען — מיר זיינען סאָציאַליסטען און נישט „די‟, אָבער איך האָב מיך געטרייסט מיט דעם, וואָס מיר האָבען כסדר געהערט ערקלע־ רונגען פון אַרבייטער, וועגען זייער גרייטקייט מיט דער צייט צו שאַפען איין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישען פערבאַנד.

* זעה דעם אפיציעלען אָרגאַן פון „צעירי־ציון‟ „בעפרייאונג‟ 1919 — 1920 יאָהר, וואר

אונז איז אפשר געווען א ביסעל צו שווער צו בעגרייפען, פאַרוואָס האָט מען אונז פון „הפועל הצעיר" אזוי אָפט געשיקט פון פראג קיין „סטאָקהאָלם" — פאַרוואָס מ'פלעגט ביי יעדען מאהל, ווען אונזערע דעלעגאַטען פון מזרח־פערבאַנד פלעגען דערמאַנען „אחדות העבודה", געגעבען אַנ'אָנצוהערעניש, אַז מיט'ן „אחדות העבודה" קאָן דער הפו"הצ זיך גיכער פעראייניגען אין איין פאַרטיי, ווי מיט „צעירי ציון", בשעת מיר האָבען אין דעם פראָגראַם פון „אחדות העבודה" און זייערע מעשים כסדר זיך אליין געזעהן. (אויב אפילו צווישען אונז און „אחדות העבודה" זיינען דאָן אָפיציעל געשטאַנען די מזרח „פועלי־ציון"...)

מיר האָבען זיך גאָר ניט געוואונדערט, וואָס קיינער פון די הפו"הצ האָט אין פראג ניט געלייקענט, אַז דער אחוד אין א"י איז נויטיג און מעגליך: דער איינציגער מאָטיוו איז גאָר געווען דער וועלט־פערבאַנד „פועלי ציון", וועלכער איז דאָן אויך פאַר אונז געווען א ערנסטער מאָטיוו געגען דער פעראייניגונג מיט'ן „אחדות העבודה".

מיר האָבען זיך אין פראג כמעט איבערצייגט, אַז, ווען דער אחה"ע וואָלט אין פראג געווען, וואָלטען מיר זיך דאָן אַלע דריי געאייניגט צוליב דעם איינציגען ציעל צו שאַפען די יודישע געזעלשאַפט אין א"י און אין גלות „אָהן עקספּלאָאַטאַטאָרען און עקספּלאָאַטירענדע", קורץ—איין יודישען סאָציאַליסטישען א"י — און קעמפען פאַר יודישע אליינ־ארבייט אין אַלע גלות־לענדער. (אַזאַך, וואָס איז מעגליך ביים זיג פון דער ארבייט בכלל, נאָר ביים איבערגאַנג צום סאָציאַליסטישען אָרדנונג).

פון פראג האָבען מיר בעקומען דעם איינדרוק, אַז די חברים פון הפו"הצ ווילען זיך מיט אונז — סאָציאַליסטען פון מזרח — („סטאָקהאָלמיסטען" אין „פראג") יאָ פעראייניגען, און מיר זיינען געווען און פערבלייבען זיכער, אַז די פעראייניגונג מיט אונז איז שווערער ווי מיט די סאָציאַליסטען ביי זיך אין שטוב...

— און איצט?

דאָס פראָבלעם פון דער פעראייניגונג פון דער גאַנצער ארבייטערשאַפט אין גלות און אין א"י כדי צו בעפרידיגען די טאָגטעגליכע אינטערעסען און רעאַלירען דעם אידעאַל — פון סאָציאַליסטישען ציוניזם, כדי צו בויען כסדר מיט געמיינזאַמע אַנשטרענגונגען פון אַלע יודישע ארבייטענדע, אין סאָלידאַריטעט מיט די אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער־אָרגאַנען, די קאָלאָניזאַציע פון א"י אויף סאָציאַליסטישע יסודות— איז איצט א גרעסערער מוז, ווי ווען עס איז.

נאָך דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ מיט איהר „מערהייט", נאָך די נצחונות פון סאַן־רעמאָ, מיט די איצט ווירקליכע עמיגראַציע־מעגליכקייטען, וועלכע

זיינען אבער אינערליך בעגרענעצט. נאָך דעם נייעם חורבן אין מזרח, וועלכער שטעלט נייע פאָדערונגען צום ציוניזם, און אין דער ערשטער רייה, צו דער אַרבייטערשאַפט אין ציוניזם, נאָך די אַלע „שטיצעס" און „קרעדיטען" פאַרן „המשביר", אַרבייטערשולען, און די קבוצות, וואָס עס „גיבען" מיט חסד די א"י אַבטיילונגען פון די לאַנדאָנער דעפּאַרטאמענטען, ביי די אַלע „רייכטימער" אין מענשען און אַנדערע כחות, וואָס עס פאַרמאָגט, מישטעיינסגעזאַגט, יעדע בעזונדערע ציוניסטישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע שטעהט איצט שאַרפער פאַר אונז, ווי ווען עס איז, די פראַגע וועגען די צוקונפט.

II.

— און וואָס וועט טאַקי זיין ?

וועט די ציוניסטישע אַרבייטערשאַפט ווידער זיך טרינקען אין איהר צופּרידענהייט, גלאַנצען מיט איהרע בעזונדערע פאַרשטעהערשאַפטען און פערטרעטערשאַפטען, און לאָזען ניט בעפרידיגט די נויטיגסטע טאָג - און ווייטערדיגע אינטערעסען פון איהרע מיטגלידער ?

זאָל די אַרבייטסלאָזיגקייט אין א"י, די „גבירים"־זוכעניש פון דער ציוניסטישער לייטונג, (אַ סימן פון אַ נייע היסטאָרישע תקופה !) דער חורבן אין מזרח, אונז ניט ברענגען קיין נייע כחות ? וועלען אין דעם קריזיס, צוליב קאָנסערוואַטיווע נאָמען־פראַגען, פּאַרטיי־פּאַטריאָטיזם זיך ברעקלען און שטויבען אונזער אַרבייטער השפעה און זעלבסטעטיגקייט ? וועלען מיר אין א"י און אין גלות ניט געפינען אין זיך קיין מוט אַראָבצונעהמען, צוליב העכערע אויפגאַבען, די „שילדען", און זיך אונטערגעבען דער סובערענער מאַכט פון דער אַרבייטערשאַפט ? — **װ אָ ס װ ע ט ז י י ן** ?

זאָלען מיר דאָ אין גלות חרטה האָבען אויף אַלע אונזערע אַנשטרענגונגען ביז איצט, זיך מיאש זיין אויף אַלע אונזערע ערוואַרטונגען און צוטרעטען מיט די אייגענע פיס דעם געדאַנק און גלויבען וועגען דעם, אַז מיר קומען צו אַ תקופה פון רעוואָלוציאָנערע מעשים : דער יודישער אַרבייטער בעפרייט זיין אַרבייט און זיין פאָלק... די יודישע אַרבייט לעבט אויף דאָס יודישע פאָלק ? ! .

און אפשר וועט אונז אַלע איצט בעהערשען דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון ברעכען די ביז־איצטיגע פאָרמען פון דער אַרבייטער־אָרגאַנידירונג, און מיר וועלען נייע שאַפען, וואָס זאָלען אונז אין אַ נייע נשמה־קייט פאַרבינדען און פערקניפען און אונזער השפעה שטאַרקען נישט דורך **אָ פּ אָ ז י צ י ע**, נאָר דורך פּאָזיטיווע קאָנסטרוקטיווע אַרבייט ? —

וועלען מיר אפשר אמאל מאכען א סוף צו דער בערימערײ פון יעדער יונ־ ערער און עלטערער ציוניסטישער ארבייטער־פארטײ אין גלות וועגען דעם וואס זי אט געטאן פאר איהרע חברים אין א״י, פאר איהר פארטײ אין א״י, און מיר וועלען אלע ווערען אײניג אין דער דאגה און אין דעם הייליגען אומרוה פאר׳ן גורל פון ער גאנצער ארבייט און דער געזאמטער ארבייטערשאפט אין א״י ?

וואס וועט זיין ?

וועלען מיר, שטרעבענדיג צו דער יודישער ארבייטס־מערהייט אין א״י זיך בענוגנען מיט דער איצטיגער ארבייטסלאזער ארבייטס־ארמעע און מיט די פינאנסיעל פערשפארטע גרענצען פאר עמיגראציע ?... וועלען מיר באמת זיך בענוגנען מיט דער געגענווערטיגער השפעה פון א״י אויפ׳ן גלות, וועלכע איז דאך אין גרונד גע־ נומען, דיזעלבע, ליידער, פול מיט יאוש און יסורים, ווי די השפעה פון גלות אויף א״י ? וועלען מיר לאזען, אז די אלע שווערע נסיונות פון דעם יודישען ארבייטער אין א״י און די אנשטרענגונגען פון דעם ציוניסטישען ארבייטער אין גלות זאלען פערהילכט ווערען מיט די פארטײ־רײסעניש און סגנונים־קאנקורענץ, ווי דאס איז געווען אין דער לאנדאנער קאנפערענץ, אין די בעראטונגען אין פראג, און, עס דאכט זיך, פון ווייטען — אויך אין יפו...

וועט זיך אמאהל, דערהערען די שטימע פון דער געזאמטער א״י ארבייטער־ שאפט, איהר אײגענער קרעכץ און רוף, אזוי אז דער יודישער ארבייטער, דער יודישער המון אין גלות, זאל א ציטער טאן און אויפפלאקערן אין קאמף און ארבייט פאר דעם יודישען ארבייטער־אידעאל, אדער מיר וועלען נאך אלך אין גלות הערען רופען און קרעכצען פון צוברעקעלטע ארבייטער־גרופירונגען אין א״י, וועלכע וועלען זיך קאמפענסירען מיט שאלות ותשובות, רעזאלוציעס און קרעכץ־מיטינגען אין גלות ?...

—איך בין א פארטײ־מענש, און איך שפיל ניט אין אומפארטײאישקייט, אבער גיט מיר און מײנע חברים,—אלע אונזערע פריינד — צו שאפען דא איין ציוני־ ניסטיש־סאציאליסטישען פערבאנד, וואס זאל זיין גרעסטע ענערגיע, מוט און גלויבען ארײנלעגען ניט אין א קראנקע קראנקען־קאסע אין א״י, וואו פארטייען וועלען אײנע די צווייטע בעקעמפען, נאר אין ארגאנען פון דער פעראײניגטער סאציא־ ליסטישער ארבייטערשאפט אין א״י, וואס איז די התחלה פון דער צוקונפטיגער יודישער ארבייטס־געזעלשאפט אין לאנד.

פארוואס ערווארטעט איהר פון אונז, און מיט רעכט, מיר זאלען דא געהן אין די קהלות, אפילו, ווען די מערהייט איז היינט אזא, אז מיר קאנען מיט איהר זיך ניט צו־

ינפֿערדען אין די וויכטיגסטע פֿראַגען, און פֿאַרוואָס זאָל אין א״י די אַרבייטערשאַפֿט ניט בילדען איין פֿערבאַנד, וואו ז י י נ ע אַ מערהייט וועט פֿון יאָהר צו יאָהר בעשטימען די טעטיגקייט אויף אַלע געביטען פֿון געזעלשאַפֿטליכען לעבען? פֿאַר־וואָס זאָלען מיר דאָ אין דעמאָקראַטישע קהלות אָפֿט אָנפֿערטרויען די רעפּרעזענטאַנץ דער בירגערליכער מערהייט, כאָטש זי איז געגען אונז, און חברים־אַרבייטער אין א״י זאָלען איינער דעם צווייטען ניט קאָנען אַנפֿערטרויען די פּאָליטישע און בודזשעט אונטע־האַנדלונגען מיט די איצטיגע ציוניסטישע פֿיהרער און דאָס שטעלען זיך אין בעציהונגען מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־בעוועגונג?...

איך האָב ניט קיין טענות, ווייל איך ווייס ניט דעם אַדרעס פֿון שולדיגען (אפשר זיינען מיר דאָ „די שולדיגע" אין אַלץ?!). איך וויל אָבער, אַז אַנשטאַט הפו״הצ, אחד״ה, „החלוץ", „צעירי־ציון", „פועלי־ציון", מ. פּ. ס. און זייערע פֿאַטאָ־גראַפֿיעס, געלונגענע אָדער ניט געלונגענע, אין גלות, זאָל ענטשטעהן איין געזונטע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע.

עס מוז איצט קומען צום א ח ו ד ה פ ו ע ל י ם — אין א״י און אין גלות, און פֿריהער ווי אומעטום, דוקא אין א״י, ווייל דער גלות האָט געבוירען ד ע ם פ י ר ו ד מאַטערט זיך אין איהם און איז ניט פֿעהיג פֿון איהם אַרויסצוגעהן.

גענוג שוין אַמעריקאַנער „פועלי־ציון", מזרח „צעירי־ציון" סתם „הפועל־הצעיר" אין א״י און זיינע פֿאָלקס־סאָציאַליסטישע אבטיילונגען אין מערב אייראָפּע, רעכטע „פועלי־ציון" און „אחדות העבודה".

ס'איז די העכסטע צייט פֿאַר איין וועלט־פֿערבאַנד. זאָל איצט קומען דער אחוד אין א״י און יעדערער פֿון אונז אין גלות וועט דאַן אַנשטאַדט פֿראַגען, וואָס צו שטיצען: קרן העבודה, קרן העליה, קפא״י,? וועמען צו שיקען מענשען — הפוה״צ, אָדער „אחדות העבודה", ? וועמען זאָל ער שטיצען אויף ציוניסטישע און אַרבייטער־קאָנגרעסען? — האָבען איין חוב־אַ קלאָרען און בולט'ען: דעם גאַנצען כח דער איינציגער א״י אַרבייטערשאַפֿט,—רופֿט זי אָן, ווי איהר ווילט, אָבער זאָל זי זיין א י י נ י ג און ניט ב ש ו ת פ ו ת, וואו יעדע טייל איז אַ ש ו ת ף, האָט, אָדער זוכט, בעזונדערע קאָנטעס ביי די אָדער יענע...

(דאָס איז דאָך יענע ענגע פּאַרטייאישקייט, צו וועלכער די א״י אַרבייטערשאַפֿט (באַזונדערס דער הפועה״צ), האָט אַמאָל זיך בעמיהט אָרויסצורופֿען ביי אונז אַנ'עקעל...)

— איך מיין, אַז די פּראַגער קאָנפֿערענץ, האָט געזאָלט נאָך די ערקלערונגען פֿונ'ם הפוה״צ און אחה״ע, אַז קיין פּרינציפּיעלע הלוקי דעות זיינען ניטאָ צווישען זיי,

פארברעכען דעם וועג צו דער ענדגילטיגער **)פעראייניגונג פון דער א"י ארבייטערשאפט. װאס־זשע זיינען עס פאר א נייע שטערונגען, וואס־זשע שטעהט איצט אויפ'ן וועג?

III.

און וואס וועט איצט זיין דער ארבייטער־צוזאמענפאהר אין א"י ישראל? וואס וועט ער ברענגען?

מיר ווארטען דא אויף איהם, ווי אויף דעם אויסדרוק ניט נאר פון מענשען, נאר אויך פון דער צייט. אויב מיט 20 חדשים צוריק איז די פראגע וועגען אחוד אין א"י געשטעלט געווארען, שטעלט זי איצט ניט נאר דער מצב אין א"י, נאר אין ציוניזם בכלל. מיט 20 חדשים צוריק וואלט איך ביי זיך ניט געפועלט אין גלות צו רעדען וועגען פעראייניגען פארטייען אין איינס, און היינט טוה איך עס, אפשר נעגען מיינע געוואהנהייטען, אבער לויט דעם בעפעהל פון דער צייט און געוויסען, וואס מוז זיין שטארקער, העכער און ווירדיגער ווי מיינע טראדיציעס און בעקוועמ־ליכקייטען. איך מעג פערזענליך לעבען ווי איך וויל אבער, ניט שאפען צוליב מיינע בעקוועמליכקייטען קיין בעזונדערע ארגאניזאציעס, אדער פארטייען.

די פעראייניגונגס פראבלעם ביי אונז ווערט רייף, און זי פאדערט רעוואלו־ציאנערע אנשטרענגונגען, און פריהער פון אלץ, פאדערט זי ברעכען זיך זעלבסט, די געוואהנהייטען פון אן'אנדער צייט. מיר מוזען ניט נאר זיין אייניג נעגען דרויסען, נאר אייניג צו זיין אינ'ם שאפען יענעם אנהויב, וועלכער וועט ווערען דער יסוד פון לעבען פונ'ם גאנצען יודישען ארבייטענדען פאלק. און דא מוז די א"י ארבייטערשאפט זיין דער מוסטער פון שאפען, דער מוסטער פון אייניגען שאפען.

די איינציגע ערנסטע פראגע, וואס האט ביז איצט אין א"י און אין גלות נע־שטערט דער פעראייניגונג איז דאך געווען דער וועלט־פארבאנד פון „פועלי ציון", וואס ס'קען און טאר דאך איצט ניט זיין קיין מניעה, נאך דער ווינער שפאלטונג; עס מוזען איצט נעבראכען ווערען די אלטע פארמען. עס זאלען אין דער נעכסטער צייט אראב די „צעירי ציון" און „פועלי ציון" און סאציאליסטישע „הפועל הצעיר", צווישען וועלכע עס איז דא ווייניגער חלוקי דעות איצט בנוגע צו א"י און ציוניזם, בכלל, ווי אפשר צווישען איין חבר אין דעם ה„פועל הצעיר", אדער „אחדות העבודה", אין א"י און א צווייטען.

**) די רעזאלוציע וועגען „אחדות העבודה", וואס איז פערעפענטליכט אין די „החלטות" פון פראגער קאנפערענץ איז ניט אנגענומען דורך דער קאנפערענץ, און די לעצטע איז פאר איהר ניט פעראנטווארטליך.

עס מוז געשאַפֿען ווערען אַ יין אַ ל וועלטליכער ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישער אַרבייטער־פֿערבאַנד מיט רעוואָלוציאָנערע מעשים פֿאַר ארץ ישראל.

— עס בעליידיגט דעריבער און קרענקט, ווען מיר הערען דאָ, אַז דוקא ד פֿראַגע פֿון אחוד־הפּועלים, אָהן וועלכער עס קען דאָך ניט זיין קיין פּעולה משותּפֿת, ניט נאָר מאוחדת (איינינע), ווייל עס איז פֿעסט דער צוזאַמענבונד פֿון פּועל און דער פּעולה ויינער, און ביי אַ פּירוד פֿון פּועלים, קען ניט זיין קיין איינינקייט פֿון פּעולה — אָטאָ די הויפּט און גרונד פֿראַגע איז, ליידער, ניטאָ אינ'ם סדר־היום פֿון דער אספת הפּועלים.

איז דאָ אימיצער געגען דעם אחוד?! — זאָל ער קומען און זאָגען, זאָל ער זיין פֿון גלות, אָדער פֿון א"י.

— מוטיגער!

נאָר מהדרנים פֿון „בונד" און יאהודים האָבען אין גלות מורא צו שטעלען אויף אַ יודישען צוזאַמענפֿאָהר די פֿראַגע וועגען ארץ ישראל, כלומר'שט מען זאָל חס־ושלום ניט שפּאַלטען דאָס פֿאָלק, און נאָר, אפשר מידע פֿון קאַמף, אַרבייט, אָדער וואַנדערען יודישע אַרבייטער, וועלכע הויבען זיך אָן צו שרעקען פֿאַר'ן איינענעם שטן, דאַרפֿען מורא האָבען פֿאַר'ן איצט שטעלען די פֿראַגע פֿון דער אַרבייטער־פֿער־איינינונג אויפֿ'ן סדר־היום פֿון דעם אַרבייטער צוזאַמענפֿאָהר אין א"י. ניט מיר, און ניט די א"י אַרבייטער האָבען אויסגעטראַכט און שטעלען די פֿראַגע, נאָר דאָס לעבען, דער איצטיגער קריזיס, די פּערספּעקטיוו פֿון חורבן און די נויטווענדינקייט זיך איהם ענטגעגענצושטעלען. ניט שטעלען די פֿראַגע, ווייל זי איז אַנ'אָנגעוועהטינטע, הייסט איינשמועסען זיך, אַז מיט פֿערשווייגען זי, מיט פּאַליאַטיוועך, ווערט זי בעזייטיגט. איז זי טאַקע שוין יאָ אַזוי אָנגעוועהטאָגט, וועט זי אויף מאָרגען נאָך דער קאָנפֿערענץ, אויף וועלכער די אחוד־הפּועלים־פֿראַגע וועט ניט שטעהען און ניט געלייזט ווערען, נאָך שאַרפֿער, געפֿערליכער ווערען, און זי וועט פֿערסאַמען די אַלע מוסדות משותּפים, וועלכע מוזען דאָך געשאַפֿען ווערען.

אויב עס קומט איצט ניט צו קיין פֿאָלשטענדינער פֿעראייניגונג, נאָר צו אַ טעכנישער, וועט זי האָבען דעמזעלבען סוף פֿון די אומפּאַרטייאישע, אינז גוט־בע־קאַנטע, פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען און אַנטשטאַלטען, וואו די מערהייט פֿון „בונד" שיקאַנירט די דרוקערייען פֿון „פּועלי־ציון" (און אז מען קען — טהוט מען עס פֿערקעהרט): אַ טעכנישע פֿעראיינינונג וועט האָבען דעם זעלבען סוף, וואָס די התאחדות פֿון „צעירי ציון" און ה„פּועל הצעיר", וועלכע האַט געמוזט פּלאַצען ביי דער ערשטער

פּאָליטישער ארויסטרעטונג און לאָנדאָן, דעם סוף, וועלכען עס האָט דער פּועלי ציון־פערבאַנד, וואו פּאַר'ן געמיינזאַמען אַרביימס־פּאַנד האָט איין טייל געטאָן, און די צווייטע אפילו רעדען פּערגעסען, וואו איין טייל שאַפּט א גדוד, און די צווייטע שעמט זיך מיט איהם...

דאָס איז די פּערספּעקטיוו פון די קליינטשינקע, גראָהינקע שריטעלאך אין פראַגען, וואָס מוזען געוואָמען ווערען ראַדיקאַל, ווי ראַדיקאַל עס זיינען די אויפגאַבען, וועלכע עס שטעהען אויפ'ן סדר היום פון דער ווירקליכקייט. מען קען ניט זאָוו טאָר ניט מיט א גלות־קנייטש איצט אראָבנעמען פונ'ם סדר היום דאָס וויכטיגסטע מיטעל צום ציעל, אַראָבנעמען מיט א: „לאָזט אונז צו רוה מיט אַזעלכע שווערע פראַגען"... „ריהרט איצט ניט אָהן קיין אַנגעווהעהטיגטע פּראָבלעמען". —

ביים היילען וואונדען מוז וועה טאָן:

א אחוד איז אזוי גוט און נויטווענדיג, אז אפילו דורך פּירוד געהט מען צו איהם; מ'מוז צו איהם קומען אפילו דורך פּירוד אין „פּועלי ציון" (וויען). אפילו אויב געגען אונזער ווילען, וועט די, אָדער יענע, טייל פון דער ארבייטערשאַפט זיך בעמיהען, ניט קענענדיג היינט בעהערשען דעם איגערליכען קאָנסערוואַטיזם, פּאַרלייפיג צו בלייבען אין דרויסען.

צוליב א אחוד פון טויזענדער קרעפטיגע שאַדט ניט אויך א אָבשפּאַלטונג פון אייניגע הונדערטער, אויב מ'קען עס ניט אויסמיידען צוליב דעם, וואָס דער אחוד מוז זיין ניט נאָר אויפ'ן באָדען פון אינטערעסען, נאָר אויך פון אַלגעמיינע ארבייטער־פּרינציפּען. — „אזוי מיינען מיר דאָ".

מיר לעבען דאָ מיט דעם, אז עס וועט קומען אין א"י צו א אחוד און דאָן וועט געשאַפען ווערען דער יסוד פון דער אַלוועלטליכער יודישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט איבערבויען די ציוניסטישע בעוועגונג, איינגאַנצען איבעראַנדערשען די יודישע אַרבייטער־בעוועגונג אין גלות, צווינגענדיג יעדען יודישען אַרבייטער אַקטיוו צו שטיצען די ארבייטער־זעלבסטשטענדיגקייט אין א"י און אין גלות, וועלכע וועט בילדען דעם יעניגען כח אין דער יודישער און אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער־בעוועגונג, וועלכער וועט ניט זוכען קיין שטיצעס, נאָר, ווי א גלייכער צווישען גלייכע, וועט די יודישע אַרבייטערשאַפט און דאָס יודישע פאָלק זיין אין דער בענייטער אַרבייטענדער מענשען־ אין פעלקער־משפּחה. —

— ווען ניט?

— ווען ניט? — בלייבען מיר ביי דער „רייכקייט", וועלכע מיר פיהלען אצינד: ווען פון ארץ ישראל דערגרייכט צו אונז דער פעראייניגטער געשריי פון די קבוצות קורסען און שולען: „זיכערט אונזער קיום"!... „קראנקייטען, קראנקייטען, קראנקייטען: דעפיציטען אויף אלע זייטען: אלע קאסעס זיינען פוסט: אין די גאסען און וועגען בלאנדזשען הונגעריגע ארבייטער;... זעלבסטמארדען איבעראל — און די גאנצע אחריות פאלט אויף אונז, נאר אויף אונז, ווייל עס זענען ניטא קיין אנדערע. ווער עס זאל פאר דעם זארגען"... ***) ווען אין ארץ ישראל הערט זיך אונזער קרעכץ: „נעמט אויף, ארדענט איין ביי ארבייט די עמיגראנטען-קבוצות"! — בלייבען מיר ביי דעם, — וואס׳זשע וועט דאן זיין?...

מיר ווארטען אין צער און וועהטאג׳עך, וואס וועט זיין.

צי וועט דער יודישער ארבייטער-ישוב דוקא זיך טרייסטען מיט דעם, וואס צושפליטערקייט הערשט אין דער גאנצער וועלט, וואס אומעטום זענען דא פארטייען, אז אלץ, וואס איז דא איז קלונג און נוט. — אדער מיר וועלען אמאהל בעווייזען דער יודישער און ניט יודישער וועלט אונזער רייפקייט צו איינגקייט און נאציאנאלע-סאציאליסטישע מעשים, צו שאפען נייע לעבענס-פארמען און א נייען אינהאלט פאר'ן פאלק, וועלכער רייסט זיך פון די גלות-קייטען.

* * *

דאס איז מיין ערשטע וואנדערונג פון גלות קיין ארץ ישראל, און ניט איך בין שולדיג, וואס דער בריף איז דורכגעדרונגען מיט טרויער, צער און יסורים.

— דאס איז אונזער ווירקליכקייט.

דאס מאל קען איך נישט שווייגען, ווייסט דעם איצטיגען מצב דא ביי אונז, אין ציוניזם, ווייסט אונזער גורל אין גלות, הערט אונזער שטימע, וואס רופט צו הילף ניט קיין פרעמדע, און ניט אימיצען סתם, וואס רופט צו ברידער-חברים פון איין אידעאל פון איין גורל, וואס רופט צו מענשען, וועלכע געהען בראש פון דער אויפבויאונג בעוועגונג, בראש פון דעם קאמף פאר'ן בעפרייען דאס לאנד און די יודישע ארבייט...

***) „קונטרס" נ׳, הוצאת אחדות־העבודה, יפו.

מיר רופען נאָר צו הילף: ג י ט א ו נ ז פעראייניגונג, ווען מיר איינ־ איינציג קעמפען און איינציג מנצח זיין אין ארץ ישראל און אין אַלע לענ־ דער, וואו עס לעבט און קעמפט אידישער ארבייטער.

ישראל אזרצאינסקי.

ווארשע—וויען, תרפ״א.

DRUKARNIA
Br. Wójcikiewicz
WARSZAWA
Kramy Nalewkowskie.

Telefon
265-82.
טעלעפאָן

דרוקעריי
בר. וואָיציקעוויטש
װאַרשאַ
נאַלעווקער קראָמען.

לעזט, קויפט און פערשפרייט

„בעפרייאונג"

צענטראל=אָרגאַן פון „צעירי=ציון" אין מזרח-אייראָפּאַ.

(ערשיינט וועכענטליך)

אַדרעס: „ב ע פ ר י י א ו נ ג". וואַרשאַ, דזיקא 11.
געלד-זענדונגען פאַר'ן פערלאַג און וואָכענשריפט:
Nowolipki 54, Warszawa, M. S. Bir

את כל הוצאות ההתאחדות של פועלי ארץ ישראל
„אחדות העבודה"

„האדמה", „קונטרס" (אגרת, הוברת)

אפשר להשיג בורשה, דזיקה 11, הוצאת „בעפרייאונג".

„אונזער געדאנק"

ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער אָרגאַן
אין צענטראַל-ליטע.

אדרעס: Wilno, Ceire-Cion, Niemiecka 20.

פרייז 25 מארק.